STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11649

MINYATURN

Judd L. Teller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. טעלער

מיניאַטורן

לידער

ניו־יאָרק
1934

פון זעלבן מחבר:
סימבאָלן — לידער — 1930

Copyright by

J. L. TELLER

1 9 3 4

דאָס בוך דערשיינט אין
125 עקזעמפּלארן

געווידמעט

איידל בײַרן

ע ג אָ :

צופּעליקע פּענצטער
שפּיגלען מיין געזיכט;
אויגן פּאַרטושן מיך
מיט שיפן, נעפּל און זון;
וואַסערן פאַרשטראָמען מיך
מיט טייכן איבער לאַנקעס,
און איך קאָן ביז וואַנזין פאַרפירן
קעלטן, פעלדזן און שליימיקע פלאַנצן.

ערשטער פראָסט:

די זון איז הויך. דאָס ליכט
שלאָגט שאַרף ווי האָגל.
סע שמעקט מיט ווייטן רעש,
מיט ערשטן פראָסט.

מיידלעך פירן קליינע,
קודלעוואַטע הינט;
יינגען רעדלעך אום
אין שווינדלדיקע קרייזן.

די לופט איז רוי.
פייגל בלענדן נאָענט.
קעלט און ווייטע רויכן.

ווינט:

די האָר בלאָזן אין פּנים —
ווי האָגל, ווי רויך און
ווי רעגן.

זון בלאַנקט
מיט נאָענטע מעסערס פאַר די אויגן;
טייכלעך גלוסטן דיינע פיס.

ביזט יונג. שפּיגלען נעמען דיך
ווי אַ פרוי,
און הייסע זאמדן לאַקערן
אַרום דיין שאָטן.

פ י ג ו ר :

ווינטן וועלן ברעכן שטאמען
אַרום שלאַנקען מיידל-גאַנג ;
דאָס פּנים וועט זיך רייסן
ווי דורך נעצן ;
זון וועט שווידערן
און שויבן וועלן בראַזגען אונטער ליכט ;
ווער וועט אויפטאַיען די פרייד
אין האַרטע און שפּיציקע נאָפּלען ?

פ ע ל ד ז :

זון בושעוועט ווי שלאַכט.
מיין לייב איז יונג
צווישן פעלדזן.

דאָ האָט האָגל געבלענדט
און פאַרלענדט.

ביימער — וואַכע פעלן
אין העלע טשאַדן ;

שטיין — דיקער
אָפּגעדעקטער דיך —

איינצוועסן זיך אין אַלץ,
ווי וואַסער.

* *
*

האַרבסט. ייִנגלעך
לאָזן שלאַנגען אין דער לופֿט;
פֿענצטער צעבליִען
ווי סעדער.
טעג פֿון מאַטער זון
און הייסע פֿאַרבן.
רייטער צוימען זייערע פֿערד;
יאָגן איבער צעצונדענע שטעט,
ווי דורך שטורעמס.

פ ו ן ו ו אַ ל ד :

דאָס ראַשיקע לויפן פון שטראָמען
ווי דאָס פאַלן פון שווערע געוויכטן ;
בלענד פון העק און שפענער —
פליענדיקער שוים
איבער וואַקלענדיקע ביימער.
קליינע פייגל פינקלען
ווי טראָפנס קעגן זון.

פ ו ן ב ר ע ג :

צעטומלטע פענצטער,
פאַרקלעמטע שטיקער ליכט;
פייגל אין הייסן שטראָם פון ווינט.
און אַ שיף אין שוים
און ווייסע פלאַמען.

האַרבסט:

מײנע אױגן טונקלען
פֿון פֿליִענדיקע פֿײגל;
די זון איז װײט אין הימל
און װאַרעם בײ די פֿיס;
די ערד איז הײמיש
און טרוקן;
גלידער זענען װאַך
װי נערװן.

ה י ץ :

יוני. דו ביזט שלאָף
פון שיין.

די לופט — לייכטע,
בלאַנקענדיקע פלאַכן.
פענצטער — נאָענט-ווייט
און שטאַר פון זון.

הייזער רירן פון די ברעגן,
און ווי אויפן וואַסער
שלאָגט מיט בליאַסקען.

אין שטאָט:

די זון איז אַ הייסער גערודער.
באַנען קראַכן דורך
מיט בלענדנדיקע פענצטער;
פייגל טראָגן זיך
אין ווינטיקן פּאַניק;
צערווישטע קליידער
און שלאַנקפּוסיקער פּלאַנטער.

וואָרעם געשטאַלט אויף די ראָגן:
איך גלוסט אויף דיר מיט הינט
און קרייצנדיקע רעדער.

ר ו א י נ ע ן :

טעמפע, פלאַכע פּנים׳ער
פון פעלדזן;
ווי פון קראַנקע אויערן
רינען ריטשקעלעך.
דאָ שפּראָצן גראָזן
אונטער חרוב׳ע כוואַליעס,
און באַנאַכט וואָיען שטערן.

ש פ ע ט ע ש ע ה:

אויגן — טיף-קלאָר,
ביז דאָס קיל פון שטיינדלעך אויפן גרונט.

פענצטער — אויסגעלייגטע קאַרטן;
ליכט און פייגל
אין שאַרפע בלענדנדיקע קרייזן.

די זון —
ווי שפּורן נאָך אַ זאַווערוכע.

א ו י פ ן ו ו ע ג :

ווינט שטערט דיין גאַנג
און שטיקט דיך ווי רויך.
פון בערג בלאַנקט
מיט ווייטער זון און קאַלטע טייכן.
ביזט איינזאַם
אין שפּעטן ליכט.
אָטאָם שאַרכן שאַרף
ווי בלעטער.

ווינטער־פאַרנאַכט:

שלאַנקע יינגלעך לויפן
אין האַלב-ליכט און שרייען ;
אַרום וואַרעמע ליכטיקע טורעמס
קלעטערן ווייזערס, ווי מאַלפּעס.

טעמפּע קולות און שפּעטע זון.
דער פראָסט קנאַקט האַרט ווי שאָלעכץ.
עריגעץ ווייט גרווילן מויערן
ווי אייזבערג,
און שויבן פלאַקערן העלער
פון שטרוי.

ש ט אָ ט - ש אָ ס י י :

דער ווינט טרייבט שילדן
ווי כוואַליעס איבער אונדזערע קעפּ;
די זון בראַזגעט, ווי גלאָז,
און איז אַ קאַלטע בלענדעניש
צווישן די ביימער.

שיינען פאַרכאַפּן אין ווילדוועב;
אָטאָמאָבילן טראָגן זיך
מיט אימפּעט, ווי אויף גליטש.

ס'טונקלט. פענצטער זענען אָפן,
און פון ראַדיאָ שרייט די נאַכט
מיט הייסע קולות.

צום געטלעכן שכן:

איך שעם זיך צו קומען צו דיר
אינמיטן העלן טאָג.
פאַרנאַכט אָבער
ווען רויכן שרייבן אין דער לופט
און פאַרמעקן עס באַלד —

מיין קלוגשאַפט
וואָלט דיך געריירט
ביז טרערן. . .

ד אָ ס ל ע צ ט ע ג ע ז אַ נ ג :

פאַרנאַכט :
איך זע זיך אַזוי קלאָר
ווי ביים חבר אין האַרץ.

סע וועט נאָך בלייבן וואַרעמקייט
פאַר די נאָענטסטע פיר ווענט,
און פון קוימען וועט שטייגן אַ רויך.
נאָר פאַר מיר
וועט דער ערשטער שטערן
אַ קליאַמקע זיין צום הימל.

איך וועל אָנקלאַפּן אין טיר פון ערשטן-בעסטן גאָט,
און שטיין פאַר אים מיט קלאָרע אויגן,
ווי אין פענצטער פאַרן זונאויפגאַנג,
מיט אַן אייגן לאַבן ברויט אין טאַש.

פ אַ ר א ר ע ג ן:

ווילדע פאַרכטיקע פענצטער
אונטער שיפּע דעכער;
מוטנע ווייסלעכיק צווישן
ביימער;
גרויסע פריע טראָפּנס
פאַלן פלאַך ווי בלעטער;
געזיכטער זענען שוועבעלעד
וואָס העלן אויף
אין בליץ.

ע ט י ו ד :

רויכן איבער שטאָט פאַרנאַכט
ווי בלעטער אין ווינט;
הינט ליגן פלאַך ווי שוועלן.
רעגן־פלעקן אויף די שויבן
ווי פון פרישער פאַרב.
אויסשטעל־פענצטער אַנקערן
ווי שיפן.

פּ י י ס אַ ז ש:

די פייגל רייצט
דער הייסער ריח
פון שטייפע בערגלעך ערד.

דער פאַרנאַכט איז טעמפּ,
מיט שפּעטע רויכן
איבער דעכער...

דיין ריר
צינדט ווילדע שאָטנס אויף די ווענט;
ווינטן לויערן
אויפן קילן בלויען פלאַם
פון דיינע נאָפּלען.

ח י ה ׳ ש :

דיין צאַרטער, ווילדער רייטער
וואָס קליידט די שפּאָרן
ווי א פרוי.

אין פאַרנאַכטן פון רויטלעכע הימלען
און וואַרעמע דעכער,
האָט ער ליב דיין ברוינע, וואַרעמע פעל,
דיין האַרטן געביין צווישן זיינע קני,
און שעמט זיך פאַר דער היימישקייט
אין דיינע גלוסטיקע אויגן.

דורך פייכטן וואַל, מיט א לאַמטערן,
וועט ער שפּעט זיך קערן צו דיר;
קניען פאַר דיר,
ווי פאַר א געץ,
מיט א זשמעניע היי.

צ ו ר י ק ק ע ר :

א שווערער גוף, און שלאבערדיקע טריט
וועלן נאָך טרעפן אַמאָל
צו דער נעסט פון דיינע אויגן.

דיינע בריסט וועלן טרויערן
און קוקן צום ים;
און דיינע קליינע טריט אין שניי —
קלוגע יאַפּאַנעזישע פיגורן.

נאָר דיינע ברעמען וועלן הויערן
ווי הירשן
אין חודש פון הייסע באַגערן;
אָוונט: און דיין מויל וועט זיין אין נעפּל.

ביז שפּעט וועט זיך איבערדערציילן דער נס —
און שאָטנס וועלן קלינגען ווי שווערדן.

װ ו ע ג ן א ו נ ד ז ב י י ד ע :

איך װײס נישט די צײטן
פון דײַנע געדאַנקען...
נאָר מיך װעט נאָך אַמאָל באַלײדיקן אַ קױל,
און זײַן װעט עס די שולד
פון מײַן אײגענער
האַנט.

און אפילו דאַן
װעט מיך דײַן גוטסקײט
פאַרשעמען.

די זון װאַרעמט מײַנע פענצטער ;
איך בין יונג, טרױעריקער פון אַלע װערטער...

צו אַ מאָנומענט:

אָוונט־טשאַד איז געדיכט
אַרום ביימער און מידע בהמות.
און איך בין אַ הירש וואָס לויערט
אין די קוסטעס.

דו ביזט אַ מאָנומענט
וואָס רייט אין דער זון.
זון און הינט האָבן
דיך באַשמעקט,
און דער טייך איז באַרוישט
מיט דיר.

איך בין קראַנק, און גלוסט צו דיר
ווי צו אַ ווייב.

פרוי אין רעגן:

אָנמעכטיקע ווענט
און אימפּעטיקע פלאַנצן.
פינצטער. וואַרעמע, רוישיקע ריטשקעס
איבער שינדלען און ברעטער.

דו וואַקסט שלאַנק
אין פלוצימדיקן ווילדן ליכט;
דיין קלייד וויקלט זיך
ווי בלעך אין פלאַם.

נאַכט. שרייענדיקע פייגל
און פליענדיקע בלעטער.

פ י נ צ ט ע ר:

נאַכט, און בלאַנק
פון בלעטער אין דער פינצטער,
ווי ליכטער אין רעגן.
פינגער צערטלען גראַטעס
ווי נאָענט און וואַרעם לייב.
טייכלעך זענען שטילע
אָפּענע וואונדן.

ג ל ו ס ט :

צערייצטע קישנס פייניקן
א מיידלס רויע נאָפּלען ;
איר מויל איז הארט ווי פעלדז,
און פייכט מיט ערשטן נעפּל ;
די שלייפן שלאָגן טאָם—טאָמס
היים און טעמפּ ;
און הענט בריען ווי קראָפּעווע
אויפן נאַקעטן לייב.

צווייי:

דער לאָמטערן רוישט
ווי אַ גרויסע בין אין דער פינצטער;
נעפּל פאַלט און קלעפּט זיך
לייכט ווי שניי. —

אונדזערע געזיכטער שיינען
ווי קלאָרער זינען;
דיינע בריסט ציטערן
פון ערשטן טוי.

מיין האַרץ דערפלאַקערט שטיל און רויט,
ווי אַ פאַרשפּעטיקטער שטיק הימל.

* *
*

אפשר איז עס גאָט
וואָס וואַקסט ביי מיר אויפן לייב?

דיינע קליינע שאַרפע ציין
האָבן גאָט געקרייציקט.

גאָט איז די לעגענדע
פון ווייסן געוויסן.
פאַרטאָג בלאַנקט עס ווי שניי פון אַלע דעכער.

נאָר איצט איז נאַכט.
שטערן — שטילע, פלינקע
טריט פון האָזן.

דיינע זומער־שפּרענקעלעך זענען געדיכט
און רייצן ווי דער ריח פון ים.

גאָט איז ניט יונג,
אים שלעפערט דער ריח פון ים.

נ אַ כ ט :

ווינט צעטרייסלט נאַכט און שויבן.
שאָטנס לויפן איבער
ווי טייכן,
אוןביימער רוישן
אין דער פינצטער ווי געפלאַקער.

די לבנה שפּאַרט גרויס,
און שלאָגט מיט רויך,
און הילט לייבער אין בלענדנדיקע טומאַנען.

די נאַכט איז היים מיט קולות, שטראָמען און
אויפגעוואַכטע שטאַמען.

וו י ל ד ג ע ז אַ נ ג :

איך וועל דיך נעמען ווילד, ווי פראָסט;
אויסשלאָגן שוויים
אויף דיין לייב.

מיר וועלן זיך טראָגן
דורך בלענדנדיקע טשאַדן,
און דו וועסט מיך זאַפּן
ווי רויך.

נאַכט וועט איילן
— מיט כמאַרעס און טייכן
איבער אונדז סטאַיעס
מיט ווילדע געשרייען.

ד אָ ס מ י י ד ל ב ע ט :

אין אַנגסטיקער פרייד
קלאַמערן זיך טייכן אָן פעלדזן;
ביימער גייען אויף יאַגד;
פון וואָרצלען שלאָגט מיט היץ.
עס איז די נאַכט פון רויטן טוך:
גאָט,
באַשירם מיינע בריסט.

צ ו ם ה ע נ ק ע ר :

ווי שיין שפּירן מיר
דיין סטעליע אין דער פינצטער,
רייצן, ווי ווינט,
דיינע קליאַמקעס,
פאַרוואַקסן מיט ווילדנאַכט
דיין פענצטער.

מיר וועלן דיך נעמען ווי פעטליעס,
אָרעמס און גריבער,
און לעשן דיין אָטעם מיט ערד.

* *
*

ביימער לאָקערן ווי חיות
פֿאַר די פֿענצטער, און וואַסערן
שפּאַרן אָפּ דילן.
אַ נאַכט פֿון פֿולע גריבער
און פֿייכטע געפֿאַרן.
שיינען צעגייען ווי שניי;
שױ־פֿענצטער צאַפּלען,
ווי נעצן.

האַלוציניאַציע:

שטראָמען רודערן דורך קוסטעם
ווי שפּיר-הינט;
אוןביימער רינען אָפּ
מיט הייסע זאַפטן.

דיין בלוט צינדט דיך
ווי אינדזלען באַנאַכט;
פעלדזן גארן דיך
גרויזאַם ווי מאַנדזביל.

פענצטער — פינצטערע ברעגן.
די לבנה פאַרשרייט
אַלע ווייטן.

ש פ ע ט ־ אָ ו ו נ ט :

טראַמווייען לויפן־אָפּ
ווי הייסע שריפט.
סע איז די פייערלעכע שעה
פון טורעם־ציפערבלעטער.

ווי צויגן לויערן אָרעמס אין דער פינצטער,
און טייכן פאַרפּאָלגן די שטאַמען פון ביימער.

אָטעם איז איצט ווילד
ווי ריח פון ערשטן ברויט,
נאָפּלען גליען און ציטערן
און זענען בלוי פון פראָסט.

פענצטער ברענען שטיל און רויט,
ווי רייפע פרוכט שפעט־זומער.

אָ ו ו נ ט י ק ע ג אַ ס :

צעצונדענע לוסטיקע שייבלעך
רודערן אין טורעמס דורך דער נאַכט.
די טונקל איז באַלעבט מיט קליינוואַרג,
מיט ליכט און מיט פרויען.
אָוטאָס גליען דורך ווינטן
און שנייען.
און שילדן הויערן
אין העלע טומאַנען.
לייבער זענען ליכטיקע פויקן,
און די שטאָט שפּאַרט ווי אַ שיף
דורכן נעפּל.

ש נ י י ־ ש אַ ר ע ר :

מענטשעלעך מיט בלאַנקענדיקע
שופּליעס
רעדן ווייסן לשון
אין דער נאַכט.

שטרעקעס מיט קולות,
רידלען און שניי.
טראַמווייען קלינגען
דורך ליכטיקן טומל.

אין נעפּל גליען לייבער
ווי שויבן.
אָטעם פאַרהויכט
אַלע שטערן.

ד ע ר ר י ט ע ר ז י נ ג ט :

קראַנקע וואָרצלען זוכן איצט
די וואַרעמקייט פון פייכטער ערד;
נאַכט איז עלטער פון געשריי,
פון טייכן און פון פייגל.

דו ביזט שלאַנק,
און טראָגסט דיינע הערנער אין נעפּל;
און דיינע פאַלדן זענען נאָך וואַרעם מיט ווינט.

אין שפּעטע נעכט וועל איך בענקען
נאָך דעם אָפּגעהאַקטן זילב פון דיינע טריט,
נאָך דיין קנעכל וואָס איז רויט
ווי די באַק פון אַ קינד.

ש אַ ר פ ע ש ע ה :

אויערן וואַכן ווי הינט און ווי שטערן;
האָרכן ווייטן פליעסק
צווישן ווערטער.
דאָס לייב רייסט אָן.
ביימער, שויבן בלענדן מיט פראָסט.
הערנער שווינדלען, ווי פייגל,
אין טונקל.
שטיבער זענען וואַך ווי דער דרויסן.

ר ע ג ן ב אַ נ אַ כ ט:

גיכע שלאקסן און
גלאַנציקע גראָזן.
פון געזיכטער שלאָגט
מיט ווייסן קאַלטן בליאַסק.
סע בושעוועט מיט ליכט
און דונערדיקע וואונדער.
ווי טורעם־ווייזער גליען
לייבער אין דער נאַכט.

א ו י ס ע ר ן ש ט אָ ט:

מענטשן ליכטיקן
אַרום שייטערס.
לבנה — קלאָרער
פון פראָסט.

קינדער פלאַטערן
ווי פלאַמען אינם טונקל;
פייגל שרייען
איבער פאַרפרוירענע טייכן.

הויטן שפרינגען
ווי שאָלעכץ.
קעלט און באַלויכטענע צונגן.

אינהאַלט

עגאָ	5
ערשטער פראָסט	6
ווינט	7
פיגור	8
פעלדז	9
·.·	10
פון וואַלד	11
פון ברעג	12
האַרבסט	13
היץ	14
אין שטאָט	15
רואינען	16
שפּעטע שעה	17
אויפן וועג	18
ווינטער־פאַרנאַכט	19
שטאָט־שאָסיי	20
צום געטלעכן שכן	21
דאָס לעצטע געזאַנג	22
פאַר אַ רעגן	23
עטיוד	24
פּייסאַזש	25
חיה'ש	26
צוריקקער	27
וועגן אונדז ביידע	28
צו אַ מאָנומענט	29
פרוי אין רעגן	30
פינצטער	31
גלוסט	32
צוויי	33
:::	34
נאַכט	35
ווילד געזאַנג	36
דאָס מיידל בעט	37
צום הענקער	38
·:·	39
האַלוצינאַציע	40
שפּעט־אָוונט	41
אָוונטיקע גאַסן	42
שניי־שאַרער	43
דער ריטער זינגט	44
שאַרפֿע שעה	45
רעגן באַנאַכט	46
אויסערן שטאָט	47

געדרוקט ביי אַסטאָריאַ פּרעס 61 א. 4טע סטריט, ניו־יאָרק